**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט אנווייזונגען צו באקעמפן דיסקרימינאציע אין אפארדאבעל האוזינג אינשורענס**

***אנווייזונגען מעלדן איין פאר אינשורענס קאמפעניס אז זיי זענען פארבאטן פון זיך נאכפרעגן אויף אדער מאכן דעקונג באשלוסן באזירט אויף א פראפערטי סטאטוס אלס אן אפאראדאבעל האוזינג דעוועלאפמענט אדער א טענענט'ס קוואל פון איינקומפט***

***בויט זיך אויף גאווערנער'ס פיסקל יאר 2025 בודשעט אפמאך צו באקעמפן דיסקרימינאציע קעגן אפארדאבעל האוזינג פראוויידערס און סעקשן 8 האוזינג איסוואל וואוטשער אייגנטומער***

***לייענט די ארומגעשיקטע בריוו [דא]()***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן נייע אנווייזונגען וואס מעלדן איין פאר אינשורענס קאמפעניס אז זיי זענען פארבאטן פון זיך נאכפרעגן אויף אדער מאכן דעקונג באשלוסן באזירט אויף א פראפערטי'ס סטאטוס אלס אן אפארדאבעל האוזינג דעוועלאפמענט אדער אויף די שטאפל אדער קוואל פון א טענענט'ס איינקומפט אין די געביידע, אזויווי רעגירונג הילף.די אנווייזונגען פון די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנצלעכע סערוויסעס (New York State Department of Financial Services) פאלגט אויס לעגיסלאציע פארזיכערט דורך גאווערנער האקול אלס טייל פון די פיסקל יאר 2025 בודשעט צו פארבאטן דיסקרימינאציע אין אינשורענס באזירט אויף טענענט'ס קוואל פון איינקומפט אדער די עקזיסטענץ פון אפארדאבעל וואוינונג יוניטס אין די געביידע.

"מיט די נייע אנווייזונגען, מעלדן מיר איין פאר אינשורענס קאמפעניס: ניו יארק וועט נישט טאלארירן אז מען גייט קעגן אונזערע אפארדאבעל האוזינג פראוויידערס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אינשורענס דיסקרימינאציע הייבט די קאסטן פאר פראפערטי אייגנטומער און טענענטס און לייגט אומצאליגע אפארדאבעל היימען אין געפאר. מיין אדמיניסטראציע פארשטערקערט אונזער קעגן האוזינג דיסקרימינאציע פון אלע סארטן צו פארזיכערן גלייכבארעכטיגונג אין אונזער האוזינג מארקעט און צו האלטן די קאסטן נידריג פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט סופעראינטענדענט פון פינאנצליכע סערוויסעס עידריען א. האררים האט געזאגט,** "דאס איז א קריטישן שריט צו פארזיכערן אז קעגן ניו יארק'ס אפארדאבעל האוזינג פראוויידערס איז נישט דא קיין דיסקרימינאציע. איך בין איבערגעווענליך שטאלץ פון די ארבעט וואס די אפטיילונג האט אריינגעלייגט צו אדרעסירן דיסקרימינאציע, אין סערוויס פון אונזער מיסיע צו בויען א גלייכערע פינאנצליכע סערוויסעס סיסטעם."

**ניו יארק סטעיט האומס און קאמיוניטי רינאוועל קאמישענער ראטאננע וויסנאוסקעס האט געזאגט,** "טענענטס פון איבער גאנץ ניו יארק טרעפן זיך אן מיט אפהאלטונגען צו האוזינג באזירט אויף זייער

קוואל פון איינקומפט, אריינגערעכנט סעקשן 8 וואוטשער סטאטוס. די שלעכטע נאמען קעגן סעקשן 8 וואוטשער אייגנטומער און טענענטס וואס וואוינען אין אפארדאבעל האוזינג איז דיסקרימינאציע, סיי אויב עס ווערט געטון דורך אן אינשורענס פראווײדער פארצולייגן אינשורענס ראטעס אדער דורך א האוזינג פראווײדער אויסצוקרויזן איינוואוינער פון האוזינג צושטעלונגען. די געזעץ וואס די גאווערנער האט געמוטיגט וועט פארזיכערן אז דיסקרימינאציע ווערט נישט טאלערירט אין NY, אזוי ארום שאפנדיג געלעגנהייטן פון צוטריט און אפארדעביליטי סיי פאר טענענטס און סיי פאר האוזינג פראווײדערס. דאס איז נאך א טריט פאראויס צו פארזיכערן אז אונזערע אינוועסטמענט אין אפארדאבעל האוזינג ווערט נישט פארמינערט צוליב עקסטערע אינשורענס קאסטן, אונז ערלויבנדיג ווייטער צו געבן האוזינג געלעגנהייטן פאר ניו יארקער."

אינשורענס קאמפעניס זענען פארבאטן זיך נאכצופרעגן אויף אדער איבערטראכטן, מבטל זיין, נישט האלטן ביים איבערגעבן אדער באנייען, העכערן די פרימיום פון, אדער נישט ארויסגעבן, באגרעניצן, איינצוימען אדער פארמינערן דעקונג באזירט אויף:

- די עקזיסטענץ פון וואוינונג יוניטיס אין די געביידע וואס זענען אפארדאבעל צו איינוואוינער וואס זענען ביי א ספעציפישע איינקומפט שטאפל לויט א גאווערמענט אפמאך,
- דאס ערהאלטן גאווערמענטעל רענטאל הילף דורך אן אייגנטומער אדער טענענטס פון א באוואינטע רענטאל געביידע, אדער די שעירהאלדערס פון א מיטארבעטנדע האוזינג קארפאראציע,
- די שטאפל אדער קוואל פון איינקומפט אויף די געביידע'ס איינוואוינער, אדער
- צו די געביידע איז די אייגנטום פון א באגרעניצטע גלייכקייט מיטארבעטונג, א פאבליק האוזינג אויטאריטעט, אדער א מיטארבעטנדע האוזינג קארפאראציע אויסגעשטעלט צו געוויסע צושטאנדן פון די פריוואטע האוזינג פינאנץ געזעץ.

די וויכטיגע לעגיסלאציע קומט גלייך נאך א באריכט ארויסגעגעבן אין נאוועמבער פון 2022 אין וועלכע DFS, צוזאמען מיט ניו יארק סטעיט האומס און קאמיוניטי באנייונג (New York State Homes and Community Renewal), האט איבערגעקוקט די פראקטעצירונגען פון פראפערטי/פארלוסט אינשורענס קאמפעניס איבער געביידעס מיט אפארדאבעל אדער סאבסידייזד האוזינג יוניטס. אין צוגאב, האבן די צוויי אגענטורן געארבעט צוזאמען מיט דעוועלאפערס פון אפארדאבעל האוזינג, וועלכע האבן אנגעוויזן אז זיי האבן געפילט באדייטנדע פרימיום פארמערונגען אדער שוועריגקייטן צו באקומען פאליסיס פאר אפארדאבעל האוזינג דעוועלאפמענטס.

פאר א קאפיע פון די ארומגעשיקטע בריוו, ביטע באזוכט די [DFS וועבזייטל](#).

**גאווערנער האקול'ס האוזינג אגענדע**
די נייע אנווייזונגען פון DFS בויט זיך אויף גאווערנער האקול"ס באשלוס צו בויען און פרעזערווירן ניו יארק'ס סופליי פון אפארדאבעל האוזינג, באשיצן ניו יארק טענענטס פון אבנארמאלע פרייזן און הויכע האוזינג קאסטן, און אדרעסירן די אנגייענדע האוזינג קריזיס. אלס טייל פון די פיסקל יאר 2025 בודשעט, האט גאווערנער האקול פארזיכערט א לאנדמארק האוזינג אפמאך צו פארמערן ניו יארק'ס האוזינג סופליי, באשיצן טענענטס און היים אייגנטומער, און באקעמפן דיסקרימינאציע קעגן סעקשן 8 האוזינג טשויס וואוטשער אייגנטומער און אפאדאבעל האוזינג פראווײדערס. אין צוגאב, האט די גאווערנער אויך פארזיכערט געלטער פאר א פינף-יאר, $25 ביליאן האוזינג פלאן צו בויען און פרעזערווירן 100,000 יוניטס פון עפארדעבל היימען אלס טייל פון די פיסקל יאר 2023 בודזשעט.

די אנווייזונגען בויט זיך אויך אויף די גאווערנער'ס גלייכע האוזינג אגענדע אויסצוראטן דיסקרימינאציע אין ניו יארק סטעיט. די גאווערנער האט געמאלדן א 2.2 מיליאן דאלארדיגע אויסברייטערונג פון ניו יארק'ס

יושר'דיגע האוזינג פראבע פראגראם (Fair Housing Testing Program) וואס איז אויסגעשטעלט אויסצוראטן דיסקרימינאציע ביים ארויסדינגען און פארקויפן הייזער. ניו יארק שליסט זיך אן אין א שותפות מיט זעקס נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס איבערן סטעיט ארויסצושיקן באהאלטענע אגענטן זיך צו פארשטעלן אלץ מענטשן וועלכע זוכן צו דינגן אדער קויפן א היים. די אויסברייטערונג האט פארגרעסערט די סטעיט'ס מעגליכקייטן צו קענען אויספארשן פארדעכטיגטע האוזינג דיסקרימינאציע בעפאר א פארלעצונג ווערט געכאפט און צו פארשטערקערן אויפקלערונג באמיאונגען און באמיאונגען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי איבער יושר'דיגע האוזינג רעכטן און פאדערונגען פון לענדלארדס, טענאנטס, ריעל עסטעיט פראפעסיאנאלן און לאקאלע רעגירונגען. דער גאווערנער האט אויך אונטערגעשריבן לאנדמארק לעגיסלאציע צו פארמערן באשיצונגען פאר ניו יארקער אנטקעגן האויזינג דיסקרימינאציע.

ניו יארקער וואס ספראווען זיך מיט אומגעזעצליכע דיסקרימינאציע אין האוזינג קענען [אריינגעבן אן אנקלאגע מיט DHR אנליין] אדער דורך רופן 1-888-392-3644.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov]
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov] | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup] | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן]